# מערצאל פון זאכווערטער

פון יודל מארק

דאס פעלד מערצאל פון זאכווערטער איז גאנץ גרויס אין יידיש. מע קען אפילו זאגן אז עס איז נישט קיין פעלד, נאר א גאנצער וואלד. פון איין זייט זיינען פאראן א סך ענדונגען פאר מערצאל פון זאכווערטער, פון דער צווייטער זייט זיינען פאראן א צאל ספקדיקע פאלן, און דערצו נאך האבן מיר א היפש ביסל סובסטאנטיוון וואס האבן מער ווי איין פארעם אין מערצאל; דערביי קענען די פאראלעלע פארמען מיטברענגען מיט זיך בולטע אדער בלויז צווייטיקע אונטערשיידן אין באטייט, אדער זיי זיינען ניט מער ווי א רעזולטאט פון וואקלעניש צווישן אזוי פיל אופנים צו שאפן די מערצאל פון זאכווארט. דערצו נאך האבן מיר דא קלארע חילוקים וואס זיינען אפהענגיק פון דיאלעקט. דאס אלץ צוזאמען פארשאפט א סך שוועריקייטן דעם וואס לערנט זיך יידיש און שטעלט אפילו אין פארלעגנהייט — ביי געוויסע ווערטער — אויך די וואס יידיש איז זייער מוטערשפראך.

אין דער ריי ענדונגען פון מערצאל און פארמען צו שאפן מערצאל שפיגלט זיך אפ די געשיכטע פון יידיש און די ראלע פון אלע גרונט־עלעמענטן פון אונדזער לשון. מיר פארמאגן גערמאנישע און לשון־קודשע ענדונגען, אבער ניט קיין סלאווישע. דערפאר אבער זיינען א טייל סלאווישע ווערטער און די וואס פארמאגן סלאווישע סופיקסן געשטעלט אין ספעציעלע קאטעגאריעס לגבי מערצאל. עס איז זייער אן אינטערעסאנטע און דערווייל ניט קיין פארענטפערטע שאלה, ווי אזוי עס האט זיך פארשפרייט אין יידיש אזא ענדונג פון מערצאל ווי דער סמך אין די ווערטער פון דעם שניט: וואלקן — וואלקנס, נייטארין — נייטארינס, טורעם — טורעמס, קעלער — קעלערס אאז״וו. קומט אט דער סמך פון אן אלטן ראמאנישן ייחוס? איז עס די השפעה פון נידערדייטשישע דיאלעקטן? אדער איז דער אפשטאם גאר אן אנדערער? צי אפשר איז אט די ס־ענדונג א רעזולטאט פון אן אייגענער אנטוויקלונג? מיר וועלן ווייטער מיט די ענינים זיך ניט פארנעמען, ווי מיר וועלן אויך זיך ניט אפשטעלן אויף די שינויים אין די ענדונגען און פורעמונגען פון מערצאל אין די הונדערטער יארן פון אונדזער שפראך־געשיכטע. בלויז אין געציילטע פאלן וועט אויסקומען אנצווייזן אויף טענדענצן במשך פון דער לעצטער תקופה און אויף געוויסע אייגנשאפטן אין פורעמען מערצאלן ביי קינדער און ביי תלמידים פון יידישע שולן אין א נאטירלעכער יידיש־רעדנדיקער סביבה.

עס איז פֿאַראַן דאָס געפֿיל אַז די פֿאָרמען פֿון מערצאָל זײַנען אַזוי רײַך און האָבן דורכגעמאַכט אין אַ סך פֿאַלן אַזוי פֿיל שינויים אַז אָט דער קאַפּיטל קען דינען ווי זייער אַ פּאַסיק לייוונט פֿאַר אַ גרויס בילד פֿון דער געשיכטע פֿון יידיש. אָבער דאָס ווערט איבערגעלאָזט פֿאַר אַנדערע. דער גאַנג איז דאָ, ווי אין די אַנדערע קאַפּיטלען גראַמאַטיק וואָס מיר האָבן זיך פֿאַרנומען מיט זיי, דער סינכראָנישער, דאָס איבערגעבן דאָס הײַנטצײַטיקע באַגלײַך מיטן נאָענטסטן עבֿר. אויך דאָס איצטיקע קען ניט באַטראַכט ווערן לחלוטין אָפּגעריסן פֿון דעם וואָס עס איז געווען מיט אַ דור צוריק, אָדער אַפֿילו מיט צוויי דורות צוריק.

עס וועט זײַן ניט מיגלעך אין פֿאַלן וואָס קענען אַרויסרופֿן ספֿקות — און זייער צאָל איז ניט קיין קליינע — צו ציטירן גאַנצע זאַצן פֿון שרײַבערס. אָבער דאָ און דאָרט וועלן דערמאָנט ווערן אויטאָריטעטן וואָס מען איז זיך סומך אויף זיי. די כּוונה איז דאָ שטענדיק צו קומען צו אַ תּכלית, צו דערגרייכן קלאָרע אָנווײַזן און צו העלפֿן פֿונאַנדערקלײַבן זיך אין דעם געקנויל ענדונגען און פֿאָרמען. אויב עס ווערן געגעבן צוויי פֿאָרמען פֿון מערצאָל און איינע איז אין קלאַמערן — באַטײַט עס אַז די בכורה ווערט אָנגעגעבן דער פֿאָרעם וואָס שטייט פֿרײַ, ניט אַרײַנגערינגלט אין קלאַמערן; אויב עס ווערן געגעבן צוויי פֿאָרמען, פֿאַרבונדן מיט אַ שטריכל — הייסט עס אַז ביידע זײַנען גלײַך באַרעכטיקט אויך אין דער כּלל־שפּראַך.

אַוודאי איז אויסגעקומען צו נעמען אין באַטראַכט אַלע אַרבעטן וועגן דעם ענין וואָס מען האָט זיך פֿאַרנומען מיט אים גאַנץ געשמאַק. אין דער ערשטער רײ זאָל דאָ דערמאָנט ווערן די אַרבעט פֿון זלמן רייזען, „דעקלינאַציע פֿון שם־עצם אין יידיש", פֿילאָלאָגישע שריפֿטן, ייוואָ, ב' ו, 1926, שפּאַלטן 387—411; דאָרטן זײַנען אָנגעקליבן אַ סך מאַטעריאַלן און פֿאַראַן גאַנץ פֿײַנע אָנווײַזונגען. אויך בײַ אַ. זאַרעצקי, פּראַקטישע גראַמאַטיק, מאָסקווע, 1927, איז דער ענין באַאַרבעט (זז' 47—54) גרינטלעכער ווי אַנדערע קאַפּיטלען. אַקעגן דעם האָט ע. פֿאַלקאָוויטש, יידיש, מאָסקווע, 1940, מיט דער מערצאָל פֿון סובסטאַנטיוון זיך פֿאַרנומען ניט קיין סך (זז' 160—165). פֿון די פֿרעמדשפּראַכיקע אַרבעטן און דער עיקר מער היסטאָרישע באַטראַכטונגען באַנוגענען מיר זיך מיטן דערמאָנען מתּתיהו מיזעסעס בוך, *Die jiddische Sprache*, בערלין־ווין, 1924, וווּ מיר האָבן אַ היפּשע צאָל זײַטן וועגן דער מערצאָל פֿון זאַכווערטער (114—127). חוץ דעם זײַנען שטאַרק צו ניץ געקומען צעוואָרפֿענע אָנווײַזונגען אין נח פּרילוצקיס שריפֿטן און טאַקע אויך פֿון אַנדערע פֿאָרשערס וואָס האָבן זיך נאָר פֿאַרבײַגייענדיק אָפּגעשטעלט אויף אָט דעם גרויסן פֿעלד.

איידער מיר גייען איבער צום תּוך הענין דאַרף מען אַרויסהייבן אַז עס איז ניט באַקוועם און אַפֿילו אויך ניט ריכטיק אַרײַנצונעמען מערצאָל פֿון זאַכווערטער ווי אַ טייל פֿון דעקלינאַציע פֿון סובסטאַנטיוון. דאָס איז אַ שטח אין דער יידישער גראַמאַטיק וואָס דאַרף באַטראַכט ווערן פֿאַר זיך, און נאָר ווען מע מישט עס ניט צונויף מיט אַנדערע ענינים קען מען קלאָר און אָנ־

זעיק אַוועקשטעלן די אַלע שאלות, באַטראַכטן די ספקות און קומען צו די גע־העריקע אויספירן. אין דער גאָרער גראַמאַטישער סיסטעם פון יידיש (לכל־הפחות פון יידיש, הגם דאָס פּאַסט זיך אפשר אויך פאַר אַנדערע לשונות) איז מערצאָל פון זאַכווערטער אַ קאַפּיטל פאַר זיך.

אָט דער גרויסער קאַפּיטל דאַרף ווערן איַינגעטיילט אין אַזעלכע דרייצן אָפּטיילן:

א. די ענדונג ־ן (־ען);
ב. די ענדונג ־ס נאָכן אומאַקצענטירטן [ע];
ג. די ענדונג ־ס נאָך מנ״ר;
ד. די ענדונג ־עס;
ה. די ענדונג ־ך און ־עך;
ו. די ענדונג ־ים;
ז. די ענדונג ־ער;
ח. מערצאָל אָן אַן ענדונג און מיט אַן איבערקלאַנג;
ט. מערצאָל וואָס פאַלט צונויף אין דער פאָרעם מיט איינצאָל;
י. קאָמפּליצירטע פאַלן פון מערצאָל ביי העברעיזמען;
יא. פּאַראַלעלע מערצאָל־פאָרמען;
יב. ווערטער וואָס זיינען פאַראַן נאָר אין איינצאָל;
יג. ווערטער וואָס זיינען פאַראַן נאָר אין מערצאָל.

נאָך דעם דאָזיקן אַלגעמיינעם איבערבליק קענען מיר איצט זיך פאַרנעמען מיט יעדער קאַפּיטעלע באַזונדער.

## א. די ענדונג ־ן (־ען)

ראשית־כל דאַרף מען אָנווייזן אַז ־ן אָדער ־ען איז אין איינציקע מאָרפעם [1] וואָס טרעפט זיך אין צוויי געשטאַלטן: (1) ווי אַ טראַפּיקער נון וואָס זאַפט דעם טראַף צוזאַמען מיטן קאָנסאָנאַנט וואָס קומט פאַר אים, למשל: טיש פאַר־מאָגט נאָר איין טראַף, אָבער ווען עס קומט צו די ענדונג פון מערצאָל ־ן, ווערט עס טי־שן, אַ צווייטראַפיק וואָרט; בכן האָט דאָ די מערצאָל מיט איין טראַף מער ווי די איינצאָל; (2) אויב עס איז ניט מיגלעך צו שאַפן אַ טראַף דורכן צוגעבן דעם נון, איז די ענדונג ־ען. ווען זשע איז ניט מיגלעך דורכן צוגעבן די ענדונג ־ן צו שאַפן אַ טראַף? אין די ווייטערדיקע פאַלן:

א) נאָך אַ וואָקאַל אָדער דיפטאָנג, למשל: ביורא — ביוראָען, שניי — שנייען, טוי — טויען;

ב) נאָך אַ מ אָדער נ, למשל: פּלוים — פּלוימען, בלום — בלומען, בין — בינען, מאַשין — מאַשינען;

[1] ביז איצט פלעגן מיר ניצן די פאָרעם מאָרפעמע, אָבער כּדי צו זיין אויסגעהאַלטן און צוצופּאַסן צו אַזעלכע ווערטער ווי: פּראָבלעם, סיסטעם — וועט מהיום והלאה זיין: מאָרפעם.

ג) נאָך נג אָדער נק,[2] למשל: רינג — רינגען; געזאַנג — געזאַנגען; פּונק — פּונקען, געדאַנק — געדאַנקען;

ד) נאָך אַ טראַפיקן ל,[3] למשל: מאַנטל — מאַנטלען, נאָדל — נאָדלען, שיסל — שיסלען.

הכּלל, צי די פאָרעם איז ־ן אָדער ־ען, האָבן מיר דאָ סײַ ווי צו טאָן מיט אײן אײנציקער מאָרפעם. דעריבער וועט ווײַטער זײַן די רייד וועגן אָט דער מאָרפעם בכלל און עס וועט ניט ווערן געלייגט קײן אַכט אויפן חילוק אין אַרויסריידן אָדער אויסלייגן.

עס ווערט אויך ניט געמאַכט קײן אונטערשייד צווישן דעם קלאַנג [ן] וואָס הערט זיך געוויינטלעך אין אָט דער ענדונג און דעם קלאַנג [ם] וואָס ווערט אַרויסגעבראַכט און וואָס הערט זיך נאָך [ב] און [פּ], למשל: מיר שרײַבן טאָקע ליפּן, אָבער מיר ברענגען אַרויס און מיר הערן „לי־פּם", אָדער מיר שרײַבן לײַבן, בעת מיר רעדן ארויס און מיר הערן „לײַ־בם". דאָ האָבן מיר אַגב אַ גוטע אילוסטראַציע וועגן אונטערשייד צווישן אַ פאָנעטישן און אַ פאָנעמישן צוגאַנג, צי מיר האָבן אין דער ערשטער ריי אין זינען נאָר די קלאַנגען אָדער די פונקציעס און די באַטײַטן וואָס די קלאַנגען דינען זיי.

1. דער גרעסטער טייל סובסטאַנטיוון וואָס באַשטייען נאָר פון דעם שטאַם פון דעם וואָרט — זיי זײַנען כּמעט תּמיד אײנטראַפיקע ווערטער — האָבן אין מערצאָל די ענדונג ־ן (־ען), למשל:

אויג — אויגן, ברעם — ברעמען, גריל — גרילן, דרוק — דרוקן, האָז — האָזן, וויץ — וויצן, טראָן — טראָנען, יאָר — יאָרן, לאָמפּ — לאָמפּן, מאָס — מאָסן, נול — נולן, סלוי — סלויען, פאָלק — פאָלקן, פלאָם — פלאָמען, צייט — צייטן, קרייז — קרייזן, ריי — רייען, שטול — שטולן, שטעל — שטעלן, שול — שולן.[4]

אַן אַלגעמיינער אָנווײַז: די אַלע פאַלן ווען די ענדונג איז אַן אַנדערע וועלן אויסגערעכנט ווערן שפּעטער, בײַ די געהעריקע ענדונגען. בכן, אויב אַן אײנטראַפיק וואָרט ווערט אין ערגעץ ניט דערמאָנט, דאַרף מען אָננעמען אַז זײַ ענדונג פון מערצאָל איז ־ן (־ען).

א ספּעציפישער אָנווײַז: עס קומט קײן מאָל ניט פאָר קײן שום שינוי אין דעם וואָקאַל פון וואָרט בײַם שאַפן די מערצאָל אויף ־ן (־ען), למשל: טאַץ — טאַצן, זאַך — זאַכן, לאָמפּ — לאָמפּן, סאָרט — סאָרטן, לונג — לונגען, קונץ — קונצן, טוי — טויען, רויך — רויכן. פאַראַן נאָר אין אײנציקער יוצא־מן־

[2] דער ענין צי מע קען שאפן א טראף מיט דעם גון נאך נג און נק איז א שאלה פאר זיך, וואס מיר לאזו זיך אין איר ניט אריַין. אין מיין ליטווישן דיאלעקט (פון זאמעט לכל־הפחות) רעדט מען ארויס פונ־קן, רינ־גן אאז"וו.

[3] אין דעם פאל קומט ניט צו נאך א טראף לגבי איינצאל. אין דער מערצאָל־פארעם ווערט דער למד אויס טראפיקער קלאנג.

[4] די פארעם שולעס איז אן אומבארעכטיקטע ווי באלד מיר ניצן דאס ווארט שול אויך פאר א קינדערשול.

הכּלל: קראַפּט — קראַפּטן — קרעפּטן — קריפּטן. דאָס וואָרט גופא, חוץ אין עטלעכע אויסדרוקן, איז ניט קיין פּאָרוואָרצלט וואָרט אין ייִדיש. ווערט אָנגעוויזן: ניצן די פֿאָרעם קראַפּטן אין מעכאַניק, קרעפֿטן — ווי דעם טעכנישן טערמין פֿאַר אַקטיאָר, זינגער, פֿאַרווײַלער אין אַזעלכע פֿאַלן ווי: „מע דאַרף קריגן נאָך קרעפּטן פֿאַרן באַנקעט", און קריפּטן בלײַבט אין די אויסדרוקן: זאָל עס גיין אין קריפּטן, עס גייט אין קריפּטן, עס קומען צו קריפּטן (אין ליטווישן דיאַלעקט).

2. אַלע סובסטאַנטיוון מיט אַ ווערבאַלן שטאַם וואָס האָבן אַ פּרעפֿיקס (אָדער זיי זײַנען צונויפֿגעוואַקסן מיטן קאָנווערב) האָבן אין מערצאָל די ענדונג ־ן (־ען), למשל:

דער [5] אַנטשייד — די אַנטשיידן, דער באַשייד — די באַשיידן, דאָס געוויין — די געוויינען, דער דערגרייך — די דערגרייכן, דער פֿאַרמעסט — די פֿאַרמעסטן, דער צעפֿאַל — די צעפֿאַלן, דער אויספֿיר — די אויספֿירן, דער אויפֿבוי — די אויפֿבויען, דער אײַנפֿיר — די אײַנפֿירן, דער איבערדרוק — די איבערדרוקן, דער אומבײַט — די אומבײַטן, דער אָנקום — די אָנקומען, דער אָפּצאָל — די אָפּצאָלן, דער אַרויספֿלי — די אַרויספֿליען, דער אַרײַנדרינג — די אַרײַנדרינגען, דער דורכפֿאַל — די דורכפֿאַלן, דער נאָכוווקס — די נאָכוווקסן, דער צובײַס — די צובײַסן, דער צוזאַמענפֿאָר — די צוזאַמענפֿאָרן, דער צונויפֿפֿאָר — די צונויפֿפֿאָרן.

די זעלביקע וואָרענונג וואָס בײַם פּונקט 1: אויך דאָ קען ניט זײַן קיין שום איבערקלאַנג, קיין שום בײַט אין וואָקאַל. בכן, דער אומשטאַנד — די אומשטאַנדן; אין די (גוטע, אַנדערע) אומשטענדן קען מען זאָגן בלויז וועגן שוואַנגערשאַפֿט. דער אײַנדרוק — די אײַנדרוקן, און ניט די אײַנדריקן (אַוודאי נישט „אײַנדריקע", ווײַל אין ייִדיש איז בכלל ניטאָ קיין ענדונג ־ע אין מערצאָל פֿון זאַכווערטער).

3. סובסטאַנטיוון וואָס ענדיקן זיך אויף די סופֿיקסן ־ונג, ־קייט, ־הייט, ־שאַפֿט, ־עניש, ־ערײַ, ־עכץ און ־ס האָבן אין מערצאָל די ענדונג ־ן (־ען), למשל:

צײַטונג — צײַטונגען, באַשרײַבונג — באַשרײַבונגען, קליינקייט — קליינקייטן, קלייניקייט — קלייניקייטן, שיינהייט — שיינהייטן, פֿרײַהייט — פֿרײַהייטן, וויסנשאַפֿט — וויסנשאַפֿטן, קרובישאַפֿט — קרובישאַפֿטן, באַגעגעניש — באַגעגענישן, ברעכעניש — ברעכענישן, בעקערײַ — בעקערײַען, ריידערײַ — ריידערײַען, טועכץ — טועכצן, גלײַבעכץ — גלײַבעכצן, זײַערס — זײַערסן, שלעכטס — שלעכטסן, געקעכטס — געקעכטסן.

[5] מיר גיבן דאָ דעם באַשטימטן אַרטיקל כּדי ניט צונויפֿצומישן די מערצאָל־פֿאָרמען פֿון די ווערטער מיטן אינפֿיניטיוו פֿון די ווערבן וואָס האָבן דעם זעלביקן שטאַם.

4. אלע סובסטאַנטיוון מיט צוויי אָדער מער טראָפּן און מיטן אַקצענט אויפֿן לעצטן טראַף האָבן אין מערצאָל די ענדונג ־ן (־ען), למשל:

אַנטיק — אַנטיקן, אַפּטייק — אַפּטייקן, אַפּיש — אַפּישן, ביוראָ — ביוראָען, בויקאָט — בויקאָטן, שפּיטאָל — שפּיטאָלן, פּאַפּיר — פּאַפּירן, מאַראַנץ — מאַראַנצן, קלישע — קלישעען, אַרטעל — אַרטעלן, מאַשין — מאַשינען, פֿאַבריק — פֿאַבריקן, כאַלאַט — כאַלאַטן, זשילעט — זשילעטן, פּראָבלעם — פּראָבלעמען, עמבלעם — עמבלעמען, פּראָגראַם — פּראָגראַמען, עסיי — עסייען, אידיי — אידייען; אַבאַזשור — אַבאַזשורן, אַטמאָספֿער — אַטמאָספֿערן, סאַמאָוואַר — סאַמאָוואַרן, ביבליאָטעק — ביבליאָטעקן, טעלעגראַם — טעלעגראַמען, פּאַראַלעלאָגראַם — פּאַראַלעלאָגראַמען; ציוניסט — ציוניסטן, ניהיליסט — ניהיליסטן, דייטשמעריזם — דייטשמעריזמען, פֿאַנאַטיזם — פֿאַנאַטיזמען.

דער דאָזיקער כּלל נעמט אַרום אַ שלל ווערטער און איז ביז גאָר ניצלעך. דאָ זיינען זיך צונויפֿגעקומען אין איין גרופּע ווערטער פֿון אַ פֿאַרשיידענעם אָפּשטאַם, הגם דער עיקר האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט אינטערנאַציאָנאַליזמען. דער כּלל שפּיגלט אָפּ די היינטצייטיקע אַנטוויקלונג פֿון יידיש, ווען עס האָט דורכגעזעצט די טענדענץ זיך צו באַפֿרייען פֿון דעם סוף־ע אין עטלעכע גרופּעס אינטערנאַציאָנאַליזמען. נאָך מיט אַ דור פֿריער זיינען געווען פֿאַרשפּרייט די פֿאָלקסטימלעכע פֿאָרמען: פֿאַבריקע — פֿאַבריקעס, מאַשינע — מאַשינעס, און צום טייל אַפֿילו איצט זיינען נאָך פֿאַראַן די פֿאָרמען: טעלעגראַמע — טעלעגראַמעס, אַטמאָספֿערע — אַטמאָספֿערעס. מיר ווייזן אָבער אָן צו ניצן די קירצערע פֿאָרעם אָן דעם סוף־ע און צו שאַפֿן די מערצאָל מיט ־ן (־ען).

דאָס ביזאַיצטיקע ניצן די פֿאָרעם „אידעע" אין די אויסגאַבעס פֿון ייוואָ, אַנשטאָט דער קירצערער פֿאָרעם אידיי, איז לחלוטין ניט באַרעכטיקט ווי באַלד מיר ניצן אַליי, מוזיי, אַרמיי, עסיי א״אַ. אין דעם לשון ווו מע באַשטייט אויף פּראָגראַם און ניט פּראָגראַמע, סיסטעם און ניט סיסטעמע, פּראָבלעם און ניט פּראָבלעמע — דאַרף מען אויך קירצן די אידעע און מאַכן פֿון איר אַן אידיי.

ליידער איז פֿאַראַן אַ פֿאַרשפּרייטער גרייז — מע ניצט די ענדונג ־ס, ווען אַ וואָרט ענדיקט זיך מיט אַן אַקצענטירטן וואָקאַל, למשל: ביוראָ — „ביוראָס", קלישע — „קלישעס", אינטערוויו — „אינטערוויוס", קענגורו — „קענגורוס". באַזונדער פֿאַרשפּרייט איז אָט דער גרייז אין די ענגליש־רעדנדיקע לענדער איבער דער השפּעה מצד ענגליש. דאַרף מען בכן גוט געדענקען דעם כּלל וועגן די ווערטער מיטן אַקצענט אויפֿן לעצטן טראַף און זען אַז עס זאָלן ניט זיין קיין אומבאַרעכטיקטע יוצאים־מן־הכּלל.

5. סובסטאַנטיוון וואָס געוויינטלעך האָבן זיי ניט קיין מערצאָל, אַלע סובסטאַנטיווירונגען, ניישאַפֿונגען און ווערטער גענומען פֿון ענגליש באַקומען די ענדונג ־ן (־ען) ביים שאַפֿן די פֿאָרעם פֿון מערצאָל.

אַהערצו געהערן די שטאָפֿנעמען, וואָס זייער מערצאָל ווייזט ניט אויף מער שטאָף, נאָר אויף פֿאַרשיידענע מינים געמאַכט פֿון דעם זעלביקן שטאָף אָדער פֿאַרשיידענע מינים זאַכן וואָס דער שטאָפֿנאָמען איז כּולל, למשל:

רינדפלייש, קאַלבפלייש, שעפּסנפלייש — אַלע מינים פליישן זיינען געווען אויף די רייך געדעקטע טישן; וויינען, פישן, גראָזן, אויפּסן, שטרויען, פלאַקסן, טייען, זאמדן, געלטן (שלום־עליכם).

ווייטער קומען די סובסטאַנטיווירונגען, למשל:

ער האָט שוין געהאַט אַ סך אַרויפן און אַראָפּן; דער פאַרנאַכט — די פאַרנאַכטן, דער אינדערפרי — די אינדערפריען, דער לאָז־מיך־געמאַך — די לאָז־מיך־געמאַכן, דער פאַרוואָס — די פאַרוואָסן, דער ווי־אַזוי — די ווי־אַזויען.

אויף אַזאַ אופן האָט זיך אויך באַקומען אַז הגם טאָג — טעג, איז דער מיטאָג — די מיטאָגן, דער בייטאָג — די בייטאָגן; פוס — פיס, אָבער דער דרייפוס — די דרייפוסן. זיך מערקן אויך די ריי: דאָס נייס — די נייס — די נייסן.[6]

לסוף געהערן צו דער גרופּע אַזעלכע ווערטער ווי:

סטרייַק — סטרייקן, בלאָף — בלאָפן, טאַנק — טאַנקען, סקול — סקולן, קעמפּ — קעמפּן, הייסקול — הייסקולן, קאַלעדזש — קאַלעדזשן.

דאָ אין לאַנד איז פאַראַן די שטאַרקע טענדענץ צוצוגעבן צו די ווערטער די ענדונג ־ס (אָדער ־עס), אָבער דאָס איז קעגן דעם כאַראַקטער פון דער ענדונג ־ס (זען קאַפּיטלען ב און ג). מיר רעקאָמענדירן גאַנץ בפירוש און אָן וואַקלענישן אין דעם טיפּ ווערטער צו ניצן די מערצאָל־ענדונג ־ן (־ען).

די גאַנצע גרופּע טייטלט אין איין ריכטונג: דאָרטן וווּ דער ייִדיש־ריידער שטויסט זיך צונויף מיט אַן אומזיכערקייט און אַ ספק ווי אַזוי צו שאַפן די מערצאָל איז ער רק מער און מער נוטה צו ניצן די ענדונג וואָס איז די אָפּטסטע אין דער שפּראַך. די דאָזיקע טענדענץ איז פאַראַן זייער שטאַרק ביי קינדער און יונגע מענטשן וואָס וואַקסן אויס אין אַ ייִדיש־רעדנ־דיקער סביבה. די דאָזיקע נטיה שפּיגלט זיך אָפּ אין די מערצאָלן: ברעג — ברעגעס — ברעגן, דעמב — דעמבעס — דעמבן, זשוק — זשוקעס — (זשוקן) א״א. דעריבער האָבן מיר אויך: וויאָרסט — וויאָרסטן, דנאָ — דנאָען א״אַ.

6. מערטראַפּיקע אינטערנאַציאָנאַליזמען אויף ־אָר (געוויינטלעך ־טאָר) און ־אַטאָר האָבן אין מערצאָל די ענדונג ־ן און דערביי קומט דער אַקצענט אויפן פאָרלעצטן טראַף, למשל:

פּראָפּעֿסאָר — פּראָפעסאָ'רן, דירע'קטאָר — דירעקטאָ'רן, קאָנדו'קטאָר — קאָנדוקטאָ'רן, גובערנאַ'טאָר — גובערנאַטאָ'רן, איניציאַ'טאָר — איניציאַטאָ'רן, אָרגאַניזאַ'טאָר — אָרגאַניזאַטאָ'רן.

אַהערצו געהערט אויך דאָס וואָרט מיני'סטער — מיניסטאָ'רן.

פאַראַן אַ טענדענץ אין אַ צאָל פאַלן אַריבערצוגיין צו דער ענדונג ־ס, למשל אין אַזעלכע ווערטער ווי: דיקטאַ'טאָר — דיקטאַ'טאָרס, קאָאָפּעראַ'טאָר

[6] מע דאַרף באַטראַכטן די פאָרעם די נייַס ווי אַ מערצאָל פון דאָס נייַס, הגם אין דעם ליטווישן דיאַלעקט איז עס אויך די איינצאָל־פאָרעם. די אַנטוויקלונג איז געגאַנגען אין צוויי שטאַפּלען: דאָס נייַס — איינצאָל, די נייַס — מערצאָל; דערנאָך פילט זיך שוין ניט גענוי־בולט קיין מערצאָל אין די נייַס, און עס ווערט געשאַפן — די נייסן.

— קאָאָפּעראַ׳טאָרס. דאָ זײַנען פֿאַראַן פֿאַלן, ווען בײדע פֿאָרמען זײַנען גלײַך באַרעכטיקט. זען ווײַטער קאַפּיטל יא.

מיר האַלטן אַז „כאַראַקטאָרן" איז ניט גוט, און עס דאַרף זײַן כאַראַקטערס. אוודאי איז ניט באַרעכטיקט „טעאַטאָרן" פֿון טעאַטער; דאָ דאַרף זײַן טעאַטערס. זען קאַפּיטל ג.

7. סובסטאַנטיוון וואָס ענדיקן זיך אויפֿן טראַפּיקן למד (דאָס זײַנען צווײ־אָדער מער־טראַפּיקע ווערטער) האָבן די ענדונג ־ען אין מערצאָל, למשל:

אײזל — אײזלען, אײנדזל — אײנדזלען, וואָרצל — וואָרצלען, טײטל — טײטלען, מאַנדל — מאַנדלען, נאָדל — נאָדלען, קוגל — קוגלען, שוואַרצאַפּל — שוואַרצאַפּלען, שיסל — שיסלען, שפּיגל — שפּיגלען; יובל — יובלען, גימל — גימלען.

באַוואָרעניש 1: דער כּלל איז ניט חל אויף די אַלע פֿאַלן, ווען דער טראַ־פּיקער למד איז די ענדונג פֿון דעם פֿאַרקלענער־וואָרט, דעם דעמינוטיוו, למשל: טישל — טישלעך אאַז״וו. זען קאַפּיטל ה.

באַוואָרעניש 2: דער כּלל איז ניט חל אויף די נעמען פֿון די בראָכצאָלן, למשל: אַ צענטל — דרײַ צענטלעך אאַז״וו. זען קאַפּיטל ה.

באַוואָרעניש 3: דאָ זײַנען פֿאַראַן אַ סך פֿאַלן פּאַראַלעלע מערצאָל־ענדונגען. זען קאַפּיטל יא.

מיר רעקאָמענדירן אויך: דער אַרטיקל — די אַרטיקלען, וואָרעם דער טראַפּיקער למד איז דאָ ניט קײן ענדונג פֿון דעמינוטיוו. קאַפּיטל האָט צווײ מערצאָל־פֿאָרמען: קאַפּיטלען און קאַפּיטלעך. וועגן דעם חילוק זען קאַפּיטל יא.

8. אַ גרופּע צווײ־ און מער־טראַפּיקע סובסטאַנטיוון וואָס ענדיקן זיך אויף ־ער האָבן אין מערצאָל די ענדונג ־ן, למשל:

אויער — אויערן, אָדער — אָדערן, וואַסער — וואַסערן, טאָטער — טאָטערן, טויער — טויערן, מויער — מויערן, נומער — נומערן, פֿײַער — פֿײַערן, פֿעדער — פֿעדערן, פֿעלער — פֿעלערן, צימער — צימערן, ציפֿער — ציפֿערן (ציפֿער), קאַמער — קאַמערן, קעלער — קעלערן (קע־לערס).

די דאָזיקע גרופּע איז אַ קלײנער מיעוט צווישן די ווערטער וואָס ענדיקן זיך אויף ־ער און האָבן אין זײער גרעסטן רוב די ענדונג ־ס אין מערצאָל. זען וועגן דעם קאַפּיטל ג.

דאָ זײַנען פֿאַראַן אַ סך פּאַראַלעלע פֿאָרמען, וואָס זײ ווערן אויסגערעכנט אין קאַפּיטל יא.

זען אויך קאַפּיטל ט וועגן די אַלע פֿאַלן ווען די ווערטער אויף ־ער האָבן [נ]יט קײן שום מערצאָל־ענדונג.

9. אַן ערך אַ העלפֿט איינטראַפֿיקע העברעיִזמען באַקומען אין מערצאָל די ענדונג ־ן (־ען), למשל:

שעה — שעהן,[7] סוף — סופֿן, ים — ימען (ימים), בית — ביתן (דער נאָמען פֿון דעם אות, און אַזוי אויך אַלע נעמען פֿון די אותיות), גט — גטן, ברית — בריתן, חן — חנען, סם — סמען, עול — עולן, חצות — חצותן, גזר — גזרן, גבר — גברן, כּרך — כּרכן (כּרכים), פּשט — פּשטן, פּסק — פּסקן, קנס — קנסן, דרש — דרשן, לאַוו — לאַוון, תּהום — תּהומען (תּהומים), סכום — סכומען (סכומים), תּוך — תּוכן, גוף — (גופֿן) — גופֿים, זכות — זכותן (זכותים).

דאָ און אין די ווײַטערדיקע פּרטים פֿון פּונקט 9 זײַנען פֿאַראַן אַ סך פּאַראַלעלע פֿאָרמען. זען קאַפּיטל יא און קאַפּיטל ו. די אַלע קאָמפּליצירטע פֿאַלן מיט העברעיִזמען — זען קאַפּ׳ י.

דער כּלל וועגן דער ענדונג ־ן (־ען) פֿאַר די סובסטאַנטיוון וואָס האָבן דעם אַקצענט אויפֿן לעצטן טראַף איז חל אויך אויף העברעיִזמען, ווי מע קען עס זען פֿון די ווײַטערדיקע דוגמאות:

תּנך — תּנכן, נע־ונד — נע־ונדן, על־חטא — על־חטאָן, כּאור — כּאורן (געווײנטלעך געשריבן און אַרויסגערעדט: קאַיאָר — קאַיאָרן), כּתב־יד — כּתב־ידן, חילול־השם — חילול־השמען, ויהי — ויהי׳ען, מלרע — מלרע׳ען.

צוויי־ און מער־טראַפֿיקע העברעיִזמען וואָס האָבן אין איינצאָל די ענדונג ־ת, ־ות, ־ית שאַפֿן געווײנטלעך זייער מערצאָל מיט דער הילף פֿון דער ענדונג ־ן, למשל:

אמת — אמתן, גלות — גלותן, טעות — טעותן — טעותים, איכות — איכותן, כּמות — כּמותן, כּזית — כּזיתן, משוגעת — משוגעתן, בר־דעת — בר־דעתן, התמנות — התמנותן, השתּדלות — השתּדלותן, התנצלות — התנצלותן, טפּשות — טפּשותן, צרעת — צרעתן, חולאַת — חולאַתן, לילית — ליליתן, הצטרכות — הצטרכותן, התחייבֿות — התחייבֿותן, מחלוקת — מחלוקתן,[8] שייכות — שייכותן, אַחריות — אַחריותן, מרשעת — מרשעתן, פּרוכת — פּרוכתן,[9] משניות — משניותן, שבֿועות — שבֿועותן, סוכּות — סוכּותן.

אין די פֿאַלן ווו מען האָט ניט געקענט נעמען די מערצאָל פֿון העברעיִש, האָט מען אויך זי געשאַפֿן מיט דער ענדונג ־ן (־ען), למשל:

ברוגז — ברוגזן, פּסח — פּסחן, פּתח — פּתחן, סג(ו)ל — סגלען, צער — צערן.

---

[7] דאָס אויסלייגן „שעהען" איז ניט באַרעכטיקט, ווײַל אין זייער אַ סך העברעיִזמען בינדט זיך דער אות ה מיטן קלאַנג [ע], און די פֿאַרבינדונג ־עהע־ איז אַ האַמעטנע פֿאַרן אויג. מע דאַרף דאָ ניט אָפּהיטן קיין קוואַזי־לאָגישקייט („שאַ" איז שעה, בכן „שאַען" — שעהען), ווי מע וועט עס זען פֿון די קאַפּיטלען ב און ג.

[8] פֿאַראַן אַ וואָרט מחלוקה און די מערצאָל מחלוקות, חוץ לזה: מחלוקת — מחלוקתן.

[9] וועגן דער פֿאָרעם פּרוכתער און ענלעכע זען קאַפּיטל ז.

ווייטער קומט די ענדונג ־ן אין פאַרשיידענע צונויפהעפטן און פאַרבינ־דונגען, למשל:

צו־להכעיס — צו־להכעיסן, אלף־בית — אַלף־ביתן, עגמת־נפש — עגמת־נפשן, אָרון־קודש — אָרון־קודשן, בית־הכּבוד — בית־הכּבודן, שיר־המעלות — שיר־המעלותן, יקר־המציאות — יקר־המציאותן, יישוב־הדעת — יישוב־הדעתן, חילוקי־דעות — חילוקי־דעותן, שלח־מנות — שלח־מנותן, אַרבע־כּנפות — אַרבע־כּנפותן.

מע דאַרף זיך מערקן אַז אין די אַלע פאַלן ענדיקן זיך די ווערטער אויף אַ קאָנסאָנאַנט.[10]

(ווייטערדיקע קאַפּיטלען אין די קומעדיקע נומערן יידישע שפּראַך)

# וועגן איבעריקע סינאָנימען

פון מרדכי שעכטער

אומאויסגעהאַלטנקייט איז אַ מאָל אַ סימן טוב. ס׳קען זיין אַ סימן זוכעניש און זוכעניש איז קראַנטער פון זאַטער אומרירעוודיקייט. בדרך כּלל איז עס אָבער נישט שטאַרק אָנגעלייגט. אליעזר שטיינבאַרגס בילד האָט עס אַ מאָל דעם שפּיגל געגעבן זייער קלאָר צו פאַרשטיין.

ווען עס קומט צו שפּראַך האָבן מיר אַ סאָרט אומאויסגעהאַלטנקייט וואָס איז כּשר על־פּי דין: דאָס סינאָנימישע בייטן ווערטער, קאָנסטרוקציעס, ביל־דער. די געראָטענע וואַריאַציע פון כּמעט גלייכוווערטיקע צי לפּחות נאָענטע ווערטער און אויסדרוקן איז אָבער איינס, און דאָס אָנמאַכן אַ פּלאָנטער צווישן איינגעפונדעוועטע שפּראַכיקע פאַקטן איז עפּעס אַנדערש. עס איז גאָר פּריקרע ווען דער מבולבלדיקער אהער־און־אַהין באַווייזט זיך אויף דער אייגענער זייט און אַפילו אין דעם אייגענעם פּאַראַגראַף.

איידער מיר באַטראַכטן קאָנקרעטע פּרוּוון, לאָמיר דערמאָנען צו וואָס מע דאַרף בכלל אַ ניי וואָרט. א) אָדער מיר האָבן נישט קיין אָנרוף פאַר אַ נייעם באַגריף (טעלעפאָן, טעלעוויזיע); ב) אָדער מע וויל צוגעבן — אָדער צונעמען — דורך אַ ניי וואָרט אַ קנייטש פון אַן איינגעפונדעוועטער השגה (קינדערוואָרג, געלאָך); ג) אָדער מע וויל פּטור ווערן פון אַ וואָרט וואָס איז נישט צום האַרצן (באָנוץ במקום געברויך, גוטזאָגער במקום ספּאָנסאָר); ד) אָדער מע וויל אַ בלישטש טאָן מיט אַ נייקייט (מיטציטלער קעגן בן־דור, געאייל קעגן איילעניש).

און נאָך אַ פּונקט. ווען מע שאַצט אָפּ אַ נייעם פאַקט אין דער שפּראַך, קען מען האָבן צו אים אַ באַציִונג אויף דרייערליי אופנים: א) דער נייער פאַקט האָט ממלא געווען אַ בלויז, אַלץ איינס צי מען האָט דעם בלויז לכתּחילה שטאַרק געפילט, צי מע כאַפּט זיך אויף אים ערשט ווען דער נייער פאַקט האָט פאַרנומען אַ פּלאַץ וואָס ער פּאַסט זיך אין אים גוט אַריין; ב) מע טראַכט זיך

[10] זען די אַרבעט „וועגן מערצאָלן פון ווערטער וואָס שטאַמען פון העברעיִש״, יידישע שפּראַך, ב׳ II, נומ׳ 3 (1942), זז׳ 76—82.